ברודער מאָרד

העכסט אינטערעסאנטער און שפאנענדער ראמאן

(פארזעצונג)

— איר האט רעכט, אבער דא קען איך מיט אייך ניט ריידן. עס איז דאך א שיינק וואו עס קומען אריין מענשן.

— נו, גוט, דאן קומט מיט מיר אין דער הינטער שטוב.

ווענדלאנד איז געגאנגען מיט אים אין דער הינטער שטוב. ווען זיי זיינען אריינגעקומען אין קליינעם הויף, האט ווענדלאנד צו אים געזאגט.

— איך וויל איר זאלט מיר ווייזן, ווי אזוי איר האט זיך אונטערגעהערט, ווי די העלדן פון דער נאכט האבן גערעדט אויף זייערע פארזאמלונגען.

דער גראבער גאטליב האט אנפאנגס ניט געוואלט ווייזן ווי אזוי ער האט אויסגעבויערט לעכער אין דער וואנט, דורך וועלכע ער קען אלעס הערן און אלעס זעען, אבער ווענדלאנד האט אזוי לאנג גערעדט איבער אים, און האט אים דערקלערט אז ער מוז עס זעען, אז דער גראבער גאטליב האט נאכגעגעבן און האט אים אלעס געוויזן.

ווענדלאנד האט געוואוסט ווי אזוי ארום צוגיין מיט אזעלכע מענשן. קוים האט אים דער גראבער גאטליב געוויזן ווי אזוי ער קען זעען און הערן וואס עס קומט פאר אין זיין מיטינגס לאקאל, האט ווענדלאנד אויסגערופן:

— דאס איז דאך גרויסארטיק. איר זייט דאך א קינסטלער, מר. גאטליב.

— דאס איז נאך ניט אלעס! האט דער גראבער גאטליב שטאלצירט.

— וואס נאך?

— ווילט איר זעען וואס עס טוט זיך אין שענק פון מיין שכנה, די באבא יאנא?

— געוויס, מר. גאטליב! א שאד וואס איר זייט ניט אריינגעטראטן אין דער געהיים פאליציי! איר זייט דאך א גרויסער קינסטלער! דאס מוז איך זעען!

— קומט איך וועל אייך שוין אלעס ווייזן.

ער האט אים צוגעפירט צו דער וואנט פון באבא יאנאס הינטער שטוב, האט צוגערוקט א הילצערנע באנק, וועלכע ער האט אומיסטן געמאכט ווייל אום צו זעען וואס עס טוט זיך אין יענעם צימער האט מען זיך געמוזט שטעלן אויף דער באנק.

— שטעלט אייך אויף דער באנק און קוקט רעכטס, האט דער גראבער גאטליב געזאגט.

ווענדלאנד האט געטאן ווי דער גראבער גאטליב האט אים געהייסן; און האט א קוקט געטאן אין דעם באוואוסטן צימער.

— וואס איז דאס? האט ער אויסגערופן, וועמען זע איך? וויליאם דערבי! ווי קומט ער אהער? וואס האט ער דא צו טאן?

דער גראבער גאטליב האט אבער געהאט א שארפן אויער. ווי שטיל ווענדלאנד האט גערעדט צו זיך אליין, האט ער דאך דערהערט און איז באלד ארויפגעקראכן אויף דער באנק. ער האט געזעען א שיין געקליידעטן מאן זיצן ביים טיש, אויף וועלכן עס איז געשטאנען א פלאש וויין און צוויי גלעזער.

— קענט איר דעם מאן? האט דער גראבער גאטליב געפרעגט.

— איך קען אים ניט.

— פארוואס האט איר זיך אזוי געוואונדערט, ווען איר האט אים דערזעען?

ווענדלאנד האט ניט געוואלט, אז מען זאל אים שטערן. ער האט גענומען עטלאכע גאלדשטיק און האט זיי דערלאנגט דעם גראבן גאטליב.

— איך גיב אייך דאס גאלד ווען איר וועט מיך לאזן שטיין דא א האלבע שעה.

— אבער ווען וועלן מיר ריידן פון געשעפט?

— שפעטער, יעצט לאזט מיך צורו, גייט אייך צוריק אין שיינק און ווארט אויף מיר —דער גראבער גאטליב האט צוגענומען די גאלדשטיקער און האט געמורמלט אונטער די ציינער.

— איר וועט מיך ניט אפנארן! דעם גראבן גאטליב נארט מען ניט אפ אזוי לייכט.

מיט די ווערטער איז ער זיך אוועק.

ווענדלאנד איז יעצט געבליבן אליין און האט געקענט רואיק באטראכטן, וואס עס איז פארגעקומען אין צימער.

פון וואנען ווייסט וויליאם דערבי פון דעם שיינק האט זיך ווענדלאנד געפרעגט.

עס זיינען פארביי אייניקע מינוט. וויליאם דערבי איז אלץ געזעסן אויף זיין ארט און האט געקוקט אויף דער טיר. ענדלאך איז עס אים לאנגווייליק געווארן. ער האט זיך אויפגעהויבן און האט אנגעהויבן ארומצוגיין אין צימער. עס איז געווען דייטלאך, אז ער איז בייז און אויפגערעגט.

— צום טייפל מיט אים! האט ער אויסגערופן. פארוואס האט ער מיר געהייסן קומען אין דעם שמוציקן לאך? וואס וויל ער פון מיר? איך וואלט שוין גערן לויז ווערן פון דעם מענשן. איך האב געהערט, אז ווענדלאנד איז דא אין שיקאגא. דזשאנסאן פאדערט איך זאל אים פארגיפטן. דאס איז ניט אזוי לייכט אויסצופירן. ווענדלאנד איז א דורכגעטריבענער פוקס. מיט אים וועט עס ניט גיין אזוי גרינג.

ער איז צוגעגאנגען צום טיש, האט געעפנט די פלאש וויין, האט זיך אנגעגאסן א גלאז און האט עס האסטיק אויסגעטרונקען, גלייך ווי ער האט געוואלט שעפן מוט און זיך מאכן קוראזש מיט'ן וויין.

— דער וויין איז בעסער ווי איך האב גערעכנט צו געפינען אין אזא לאך!

אין דער מינוט האט זיך א טיר געעפנט און דזשאנסאן איז אריינגעקומען מיט דער באלעבאסטע, באבא יאנא.

דזשאנסאן האט דערלאנגט דער באלעבאסטע א באנקנאט און האט איר געזאגט:

— איך גיב אייך צוויי מאל אזויפיל וויפל איר האט פארלאנגט, דערפאר בעט איך אייך: איר זאלט זען אז קיינער זאל אונז ניט שטערן.

— זייט זיכער מיין הער, קיינער וועט אייך דא ניט שטערן. איר מעגט זיך אויף מיר פארלאזן.

מיט די ווערטער איז זי ארויסגעגאנגען. דזשאנסאן האט פארמאכט און פארריגלט די טיר הינטער איר. דאן האט ער זיך אנידערגעזעצט לעבן וויליאם דערבי און האט אים געזאגט:

— איר וואונדערט זיך געוויס, פארוואס איך האב אייך געהייסן קומען אהער.

— איך פארשטיי עס ווירקלאך ניט.

— האט איר געלעזן אין די צייטונגען וואס עס איז געשעען ביים רייכן ארמסטראנג?

— געוויס האב איך עס געלעזן.

— אז איר האט באשווינדלט דעם פאראיין "די העלדן פון דער נאכט".

— וואס הייסט איך האב אים באשווינדעלט?

— מען האט אפגערעדט אין לאנדאן, אז מען זאל ארבעטן צוזאמען און מען זאל זיך טיילן מיט'ן פארדינסט, ווי עס פירט זיך צווישן העלדן. איר האט אבער געארבעט נאר מיט צוויי, איך ווייס, מיט וועמען איר האט געארבעט און איר וועט געוויס זיך צונעמען איינגאנצן.

— גאנץ ריכטיק, האט דזשאנסאן געזאגט, איך ארבעט יעצט אליין, ווייל איר טויגט ניט צו זיין דער קאפיטאן פון אזא אידעאלער געזעלשאפט, ווי די העלדן פון דער נאכט. די געזעלשאפט איז אויפגעלייזט. זי עקזיסטירט ניט מער, ווייל מיר האבן ניט קיין קאפיטאן. האט איר געטאן וואס מיר האבן אייך געהייסן?

וויליאם האט אראפגעלאזן דעם קאפ און האט ניט געענטפערט.

— פארוואס שווייגט איר? פארוואס ענטפערט איר ניט אויף מיין פראגע?

— הערט נאר מר. דזשאנסאן! זאגט מיר קורץ און שארף, צו וואס האט איר מיך געשיקט רופן אהער?

— איר מוזט טאן, וואס איך האב אייך געהייסן, ווי צום גיכסטן.

— איך קען עס ניט. איך מוז האבן צייט.

— צו וואס דארפט איר אזויפיל צייט?

— דיינקט איר, אז עס וועט אזוי לייכט זיין צו פארגיפטן דעם טייפל, וועלכער הייסט ווענדלאנד? ווייסט איר דען ניט אז ער איז א דורכגעטריבענער שעלם?

— איך וועל אייך פארשאפן די געלעגנהייט זיך מיט אים צו צונויפקומען.

— דאס איז אבער ניט אלעס, פון וואנען ווייס איך, אז דאס גיפט, וואס איר האט מיר געגעבן, ווירקט ווי איר האט מיר געזאגט?

— ווי קען איך אייך דען איבערצייגן, אז עס ווירקט ווי איך האב אייך געזאגט?

— דאס איז דאך די פראגע. איר גיט מיר אין דער האנט אזא געפערלאכע וואפן און גיט מיר קיין באווייזן ניט אז זי וועט זיכער ווירקן.

— אלזא, איר האט מורא פאר זיך? האט דזשאנסאן געפרעגט.

— געוויס האב איך מורא פאר זיך. ווען אין פלעשעלע געפינט זיך א געווינלאכע גיפט, קען מען דאך באלד דערקענען, אז דער מענש איז פארגיפטעט. דאן קען איך נאך גיין אויפ'ן עשאפאט.

— נו, גוט! איך וועל אייך געבן א באווייז, אז דאס גיפט ווירקט גוט. געדיינקט איר, פון וואס פאר א קראנקהייט גראף פרעדעריק טשעזוויק איז געשטארבן?

— איך געדיינק עס. מען האט מיר געזאגט, אז ער איז געשטארבן פון א הארץ קראנקהייט.

— ניין, ער איז פארגיפטעט געווארן מיט דעם זעלבן גיפט.

— וואס רעדט איר? ווער האט אים פארגיפטעט?

— זיין ברודער, גראף אלפרעד, האט אים פארגיפטעט.

— ווי קומט אבער דער גיפט צו אייך?

— איך האב עס אפגעקויפט ביי גראף אלפרעד!

— דאן איז עס אנדערש.

דער באנקיר האט פרייער אפגעאטעמט.

— אלזא, מיין ליבער וויליאם, איר מוזט זעען פארגיפטן דעם אגענט פון דער געהיים פאליציי, ווענדלאנד'ן, ווי אם גיכסטן. ער ווייסט אלעס און זוכט אונז צו דערטאפן. ער האט אפילו אנגעבאטן געלט דעם שיינקער פונ'ם אנדערן שיינק, א געוויסן גאטליב, אז ער זאל אונז פארנארן צו זיך אין שיינק און דארט זאל די פאליציי אויף אונז אנפאלן און אונז ארעסטירן.

— איך האב פאר אים ווייניק מורא.

— אזוי זאגט איר, איר פארגעסט אז איר זייט דער קאפיטאן פון די העלדן פון דער נאכט, מיין גוטער—וויליאם דערבי. ווען מען וועט אונז ארעסטירן וועט מען אייך ניט שוינען. איר מוזט אוועקפארן פון שיקאגא, ווייל איר האט דא מער ניט וואס צו טאן. איר האט מיר געזאגט אז איר ווילט פארן קיין אינדיע, דאס איז א גוטער פלאן, א רייזע קיין אינדיע קאסט אבער פיל געלט און איר האט קיין סענט ניט. ווען איר וועט אלזא פארזארגן דעם דעטעקטיוו ווענדלאנד, וועל איך אייך געבן אזויפיל געלט אז איר וועט קענען לעבן א געוויסע צייט רואיק אין אינדיע.

— איר צווינגט מיך צו טאן וואס איך וויל ניט און וואס איך קען ניט, האט וויליאם דערבי געזיפצט.

— איך צווינג אייך גארניט, האט דער באנקיר געענטפערט, איך דינג אייך: טוט וואס איך פארלאנג פון אייך און איך וועל אייך גוט באצאלן.

וויליאם דערבי האט געטראכט א פאר מינוט. עס איז אים זייער שווער געווען אנצונעמען דעם באנקירס באדינגונגען, ער האט זיך אבער ניט געקענט העלפן.

— איך נעם אן אייער פארשלאג, האט ער ענדלאך געזאגט, איר מוזט מיר אבער געבן די געלעגנהייט דאס אויסצופירן.

— נאך איינס, האט דער באנקיר געזאגט, ווען איר וועט פארטיק ווערן מיט ווענדלאנד'ן וועט איר געבן א טראפן גיפט דעם שענקער פונ'ם אנדערן שענק. איך וועל אייך ווייזן, מיט אים וועט איר האבן א לייכטע ארבעט, ווייל ער האט ליב צו טרינקען.

— נאך א מענשן פארגיפטן?

— דערפאר וועל איך אייך עקסטרא באצאלן. איך פארלאנג ניט אומזיסט.

זיי האבן גערעדט נאך א שטיקל צייט און האבן אפגערעדט אלעס נויטיקעס. דעם באנקירס פלאן איז געווען, אז וויליאם דערבי זאל פארגיפטן ווענדלאנד'ן אין שענק פון באבא יאנא.

א מינע קעגן א מינע

ווענדלאנד האט אויסגעהערט אלעס, וואס דזשאנסאן האט אפגערעדט מיט וויליאם דערבי און אז דזשאנסאן האט געזאגט אז ער גייט איצט צום גראבן גאטליב. ער איז באלד אראפגעשפרונגען פון דער באנק, אויף וועלכער ער איז געשטאנען, איז ארייננגעגאנגען אין שענק און האט געזאגט דעם גראבן גאטליב עטלאכע ווערטער אויפן אויער. דאן איז ער אריינגעגאנגען אין גראבן גאטליבס הינטערשטיבל און האט פארריגלט די טיר הינטער זיך.

אייניקע מינוט שפעטער איז דזשאנסאן אריינגעקומען צום גראבן גאטליב אין שענק.

—אהא! ענדלאך זייט איר געקומען, — האט דער גראבער גאטליב אויסגערופן.

— איך פארגעס קיינמאל ניט מיינע גוטע פריינט, — האט דזשאנסאן געענטפערט ערנסט. — איך בין געקומען ווייל איך האב מיט אייך עפעס צו ריידן איבער גאנץ וויכטיקע אנגעלעגנהייטן, דא אבער אין שענק, קען איך מיט אייך ניט ריידן.

— דאן קומט אויף דעם צווייטן שטאק דארט וואו איר האלט אפ אייערע מיטינגען.

(ווייטערעס — קומט)

אנב-אורחא

(שלום פון ערשטער זייט)

לאנד, נאר ס'איז אן א פארגלייך גרעסער ווי אלע אנדערע פראבלעמען פון "דיסקרימינאציעס": מיר קאנען זייער גוט אויסקומען אן די רייכע גויאישע קלובן און אן די עקסקלוזיווע האטעלן און קווארטאלען, און אפילו די באשריינקונגען אין די אוניווערסיטעטן זיינען ניט אזא גוואלדיאלצאיינס איבערגעפילט, און ווער עס וויל בלויז בילדונג לשם בילדונג קאן עס דא נאך קריגן.

אבער אז מיר וועלן דאס פראבלעם אנערקענען און קוקן עס גלייך אין די אויגן, וועט עס שוין זיין איין שריט צו דער לייזונג.

איבער 150 קינדער באטייליקן זיך אינם קאנצערט פון דער י. ל. פרץ שול

דער היי־יאריקער קאנצערט פון דער פרץ שול זאגט צו זיין זייער אן אינטערעסאנטער און שיינער.

דער פראגראם איז א פארשיידנארטיקער און ס'באטייליקן זיך אין אים איבער 150 קינדער פון קינדער גארטן ביז העכערע קלאסן פון אוונט שול. דער כאר וועט ארויסטרעטן אין א ריי נייע פאלקס און ארבעטער לידער אונטער דער פירונג פון דעם געזאנגס לערער, ב. בראנשטיין.

באזונדערס ניי וועלן זיין די נומערן "פאפורים" וועלכע נעמען אריין פון א חסידישן ניגון ביז א מאדערנע קאמפאזיציע".

דער קינדער גארטן, וועט ארויסטרעטן מיט א טאנץ "דער בלויער ליין" לויט מאני לייבס פאעמע מיטן זעלבן נאמען, איינסצענירט פון דעם טאנץ לערער פון שיקאגא. נ. וויזאנסקי. א חוץ דעם לידער, דעקלאמאציעס, ריטמישע איבונגען און ארקעסטער.

א שפיל "דער נייער לערער" אין ענגליש דורכגעפירט פון טאג־שול קלאסן.

און דער הויפט נומער פון פראגראם וועט זיין די באמת שיינע קינדער פיעסע "פרילינגס באפרייאונג" אין וועלכער עס באטייליקן זיך איבער 50 קינדער. די פיעסע איז רייך אין נאטור בילדער, שפילן און טענץ פון פארשיידענע באשעפענישן. די טענץ ווערן ספעציעל צוגעגרייט פון דער טאנץ לערערקע מיס ב. וואלקין. ספעציעלע קאסטיומען אין רייכע קאלירן ווערן גענייט און צוגעפאסט פאר די אנטיילנעמער. דאס אלץ צוזאמען, זאגט זייער א סך, אז דער נאכמיטאג פון 31טן מאי אין דאמיניאן טעאטער וועט זיין זייער אן אינטערעסאנטער און אידישע עלטערן דארפן זיך באצייטנס באזארגן מיט בילעטן. א בילעט קאסט בלויז 35 סענט.

א. ל.

מאלפעס רויבן אוועק א מענשלאך קינד און האלטן עס אפ 13 יאר צייט

פון צייט צו צייט דערשיינען באריכטן אין צייטונגען וועגן מענשלאכע קינדער, וואס זיינען גערויבט געווארן פון פארשידענע חיות, און זיי זיינען דארט אויפגעצאוועט געווארן אלס ווילדע באשעפענישן. איצט קומט א באריכט פון קייפטאן (אפריקע) וועגן א פערצן יאריקן אינגל, וואס איז גערויבט געווארן אלס קינד פון א מאלפע און איז אויפגעצאוועט געווארן פון די אפן. דרייצן יאר איז ער דארט געווען און פאר דער צייט איז ער אליין פארוואנדלט געווארן אין א מאלפע, לויט זיין אויפפירונג, לויט זיין גאנג און לויט זיין עסן. בלויז די מענשלאכע פיגור איז פארבליבן, וואס טיילט אים גלייך אוים פון די מאלפעס, און מען קאן גלייך דערקענען, אז דאס איז א מענש און ניט קיין מאלפע.

מיט דרייצן יאר צוריק איז א פרוי אין אפריקע, א דארטיקע איינגעבוירענע, געשטאנען אין פעלד און געארבעט. ניט ווייט פון איר איז געלעגן איר קליין קינד. פלוצלונג האט די מוטער דערהערט א געשריי. זי האט זיך אומגעקוקט און זי האט געזעען, ווי אזוי א גרויסע מאלפע האט א כאפ געטאן דאס קינד און איז פארשוואונדן געווארן אין געדיכטן וואלד. עס איז געווארן א טומעל און א ליארם. די איינוואוינער פון דעם דארף האבן זיך אוועקגעלאזט זוכן דאס קינד, אבער זיי האבן פון אים קיין שפור ניט געפונען.

דרייצן יאר זיינען אוועק און דאס קינד האט זיך ניט אפגעזוכט. די מוטער האט שוין געהאט גאר פארגעסן אן איר אוועקגערויבט קינד. איין מאל זיינען אין דעם דארף פארט אלפרעד, אין דער קייפטאן פראווינץ, אנגעקומען א מחנה יעגער, וועלכע האבן זיך אוועקגעלאזט אין וואלד צו פאנגען פארשיידענע חיות. זיי האבן זיך אנגעשטויסן אויף א שפור פון א גאנצער מחנה מאלפעס, און זיי האבן באשלאסן צו פאנגען א פאר לעבעדיקע מאלפעס פאר א מוזעאום. באלד האבן זיי פון דערווייטן דערזעען ווי פון א הייל לאזן זיך ארוים א היבשע צאל מאלפעס, און נאך זיי קריכט נאך עפעס א באשעפעניש, וועלכע פויזעט אויף אלע פיר און מאכט די זעלבע באוועגונגען ווי די מאלפעס אבער מען קאן גלייך דערקענען, אז דאס באשעפעניש איז ניט קיין געוויינלאכע מאלפע, און ווען די יעגער זיינען צוגעקומען נעענטער, האבן זיך די מאלפעס דערשראקן און זיי זיינען זיך צעלאפן. דאס באשעפעניש, וואס האט ניט געקאנט לויפן אזוי שנעל ווי די ריזיקע מאלפעס, איז געבליבן הינטערשטעליק.

דערזעענדיק פאר זיך א גאנצע מחנה מענשן, האט דאס באשעפעניש זיך שנעל ארויפגעכאפט אויף א בוים. אויפן בוים האט עס געקלעטערט פונקט אזוי גוט און אזוי שנעל ווי די ריזיקע מאלפעס. די יעגער זיינען געווען אנטשלאסן צו כאפן דאס באשעפעניש א לעבעדיקע. זיי האבן אבער מורא געהאט ארויפצוקלעטערן אויפן בוים, האבן זיי דעם בוים ארומגעזעצט און זיי האבן געפאנגען דאס באשעפעניש, וואס האט זיך ארויסגעוויזן צו זיין א פערצן יאריק אינגל, וואס איז דערצויגן געווארן פון די מאלפעס, און איז אויסער זיין אויסזען אליין געווארן מער מאלפע ווי מענש. ווען דאס אינגל איז געבראכט געווארן אין דארף, און די געשיכטע איז באקאנט געווארן די איינוואוינער, האט זיך די מוטער פון דעם אמאליקן אוועקגערויבטן קינד דערמאנט אין דער אמאליקער פאסירונג און זי איז גלייך געקומען צולויפן און אנקוקן די "מענשלאכע מאלפע". די מוטער האט גלייך דערקאנט דאס אינגל אלס איר פארשוואונדן קינד, און זי האט בלויז רויע גראזן און פרוכטן. ער כאפט פאר די דרייצן יאר וואס דאס קינד האט אפגעוואוינט מיט די מאלפעס האט ער איבערגענומען אלע זייערע מנהגים און זייער ארט לעבן. ער איז אזוי איינגעוואוינט צו גיין אויף אלע פיר, אז מען קאן אים ניט באוועגן צו פרואוון גיין בלויז אויף צוויי פיס. קיין געקאכטע זאכן קאן ער ניט פארטראגן.. ער עסט בלויז רויע גראזן און פרוכטן. ער כאפט פליגן און בינען און אנדערע קליינע באשעפענישן און ער עסט זיי לעבעדיקערהייד.

די געשיכטע מיט דעם "מאלפע אינגל" האט אייגנטלאך פאסירט מיט א פאר יאר צוריק. די מוטער פונם קינד און די איינוואוינער פון דארף, האבן אבער געהאלטן די געשיכטע אין געהיים, אוים מורא, אז די ווייסע הערשער זאלן דאס אינגל ניט אוועקנעמען ערגעץ אין אן אנשטאלט. די יעגער האבן אויך פארשפראכן ניט ארויסצוגעבן דעם פלאץ, וואו די זאך האט פאסירט. אזוי ווי יענער פלאץ ווערט זייער זעלטן באזוכט פון ווייסע מענשן, האט מען פון דער גאנצער מעשה ניט געוואוסט.

מיט א קורצער צייט צוריק איז אין דארף אלפרעד געקומען א סאניטארער אינספעקטאר צו אונטערזוכן דעם געזונט צושטאנד פון דער באפעלקערונג. ער האט דערהערט די געשיכטע פון דעם "מאלפע אינגל" און ער איז אוועק אנקוקן דאס באשעפעניש. פאר די עטלאכע יאר וואס דאס קינד האט פארבראכט ביי דער מוטער, האט ער זיך אויסגעלערנט ארויסצורעדן עטלאכע ווערטער און צו גיין אויף צוויי פיס א קורצע שטרעקע.

אינגאנצן האט ער זיך אבער נאך ניט אפגעוואוינט פון דעם מאלפע לעבן. באלד ווי די מוטער גייט ארויס פון הויז, לאזט ער גלייך אראפ די הענט און הויבט אן ארומלויפן און ארומטאנצן אויף אלע פיר און דאן פילט ער זיך מער ביי זיך אין דער היים. ווי ווען ער גייט אויף צוויי פיס. קיין געקאכטע שפייזן קאן ער נאך אלץ ניט פארטראגן. ער האט זייער ליב צו דראפען זיך אויף די ווענט און אויף ביימער.

עס ווערט געמאכט א פארזוך אוועקצונעמען דאס אינגל אין א מעדיצינישן אנשטאלט, וואו ער זאל שטיין אונטער דער אויפזיכט פון גרויסע דאקטוירים, וועלכע זאלן שטודירן זיין פיזישע און גייסטיקע אנטוויקלונג.

צווישן די אפריקאנער ווערן דערציילט א סך מעשיות וועגן קינדער, וואס זיינען גערויבט געווארן פון חיות און זיי זיינען דארט דערצויגן געווארן יארן לאנג. אייניקע פון די מעשיות זיינען באשטעטיקט געווארן פון יענער פארשער, וועלכע האבן אליין די קינדער געזעען.

מיט צען יאר צוריק האט דער גלח זינג פון באמבעי (אינדיע) פאר אורזאכט א סענסאציע מיט זיין באריכט וועגן 2 מיידלאך — איינע אכט יאר און איינע צוויי יאר אלט, וועלכע זיינען דארט דערצויגן געווארן. ווען מען האט די צוויי קינדער געבראכט אין שטאט און זיי אריינגעגעבן אין אן אנשטאלט, איז די קלענערע גלייך געשטארבן, ווייל זי האט זיך ניט געקאנט צוריק צופאסן צו דעם מענשלאכן ארט לעבן. די עלטערע לעבט נאך און זי מאכט אביסל פארשריט אין איר גייסטיקער אנטוויקלונג.

מען קאן זיך שוין מיט איר צוזאמענריידן. זי גייט שוין ארום אויף צוויי פיס און זי מאכט ניט קיין גוואלד, ווען מען טוט איר אן א קלייד. אינגאנצן האט זי זיך אבער אין דעם וואלפישן לעבן ניט פארגעסן. זי זעט נאך אלץ ביינאכט בעסער ווי בייטאג. זי שלאפט קיינמאל נישט נאך האלבער נאכט, און אפט הויבט זי אן וואיען ווי א וואלף. דאקטוירים זאגן אז גאר אינגאנצן וועט זי אן דעם וואלפישן לעבן וואס זי האט איינגעזאפט אין זיך פון קינדווייז אן, קיינמאל ניט פארגעסן.

סייל פאסטערס

נעמאכט

אין 24 שעה

שיין און צוציענד

ביי

"דאס אידישע וואָרט"

מיר האבן אן אויסוואל פון הונדערטער קאטס פון די לעצטע צייכענונגען צו באצירן די פאסטערס

מיר טוען די גאנצע ארבעט

שיקט אונז בלויז אריין די פרייזן פון די ארטיקלען וועלכע איר ווילט ארויס־שטעלן אויפן סייל — און מיר טוען שוין פאר אייך דאס איבעריקע

שרייבט אין וועלכער שפראך איר ווילט צו

THE ISRAELITE PRESS LIMITED
165 Selkirk Ave. Phones: 52 213 - 55 409

Classified Section — קלאסיפייד סעקשען

ספעציעלע פרייזן פאר אדווערטייזינג אין דער קלאסיפיצירטער אפטיילונג ·

איין מאל, 5 ס. פער "אגייט לייז" — פאר 3 מאנאטן, $2.15
פאר א וואך, 20 ס. — פאר 6 מאנאטן, $4.00
פאר א מאנאט, 75 ס. — פאר 1 יאר, $7.50

:: צו פארקויפן ::
FOR SALE

8 רום פול מאדערנע סאליד בריק הויז. הייסע וואסער באהייצונג. אוק פינישינג. גרויסע ליכטיקע צימערן. 100 פוס ריווער לאט אין סקאשיא סטריט. קאסט $12,000. צו פארקויפן פאר $6,000. דער גרעסטער סנעפ פון היינטיקס יאר.

סוויטס צו פארענטן אין די בעסטע בלאקס.

געלט צו לייען אויף 6½ פראצענט.

Sheps Agencies Ltd.
804 מיין סטריט
טעלעפאנס 55 761 און 53 807

מארטגעדזש סייל

א קארנער בילדינג, א רוסישע שוויץ באד מיט דריי וואנעס און א קארנער סטאר מיט פיר סוויטס, אלס סטים באהייצונג, אין בעסטן צושטאנד. אויך צוויי גאראדזשעס און א סטייבל. א גוטע געלעגנהייט צו מאכן א לעבן פאר יעדן ביזנעסמאן. דער בילדינג געפינט זיך אין טראנסקאנא. טעלעפאנירט 51 188.

צו פארקויפן א דזשענעראל סטאר מיט א וואוינונג און צוויי ווערהייזער אין מוסהאס, מאניטאבא, ארום 120 מייל נ. וו. פון וויניפעג. גוטע פראפאזישאן פאר דעם ריכטיקן מאן. טעלעפאנירט 51 310 אדער זיך ווענדן אין 724 באיד עווענינו.

א זומער היים

צו פארקויפן, האלב אומזיסט, א 12 רום געפארנישטע הויז און א הילצערנע דריינינג רום צוגעבויט, 24 ביי 24. אפענער פייער פליים. אין גרענד ביטש. אורזאך פאר פארקויפן, אייגנטימער קראנק. אפן פאר אינספעקציע, דעם 24טן מאי. טעלעפאנירט 203 957 אדער פרעגט אין גרענד מארעי פאסט אפיס פאר איינצעלהייטן.

אין שטאט, אין די ביטשעס און אויף אלע היוועים

אויב איר דארפט איבערמופן, אדער וועלכע עס איז טראנספער ארבעט, טעלעפאנירט צו

סימקינס טראנספער, 52 540

איר וועט זיין זייער צופרידן ארדערט ביי אונז אייערע

האלץ

די בעסטע האלץ צו ביליקע פרייזן

SIMKIN'S TRANSFER
456 STELLA AVE. PHONE 52 540

אדווערטייזט אין "דאס אידישע ווארט" — עס וועט זיך אייך באצאלן

:: פערזענלאכעס ::
PERSONAL

לייף אינשורענס
בעסער צו האבן א פאליסי און ניט דארפן עס, איידער דארפן דאס און ניט האבן.
P. A. TEMPLETON
807 Electric Railway Chambers
Phone 89 668

מעדיצינישער מאסאזש

מרס. ה. ע. סאלאווי, פראפ. מאסאזשיסטין. באהאנדלט פאראליזים, אלע פארמען פון רומאטיזם, טרוקענע באנקעס. 838 סאמערסעט בלאק. טעלעפאן 88 066: רעז. 53 410.

היים און אפיס פורניטשור פארלאנגט פאר מזומן געלט.
KILSHAW'S
Auctioneers
Canada Bldg. Phone 29 040

AACTIVE MESSENGER & TRANSFER
באים, מאטארסייקלס, טראקס
PH. 26 062 121 ALBERT ST.

קויפט איר א קאר?

איך קאן פאר אייך איינשפארן פון 25 ביז 30 פראצענט אויף נייע און גענוצטע קארס. קארס איבערגענאנגענע פון האנט צו האנט אויסשליסלאך. אייער קאר ווערט אריינגענומען אין טרייד. לייכטע טערמס.
זיך ווענדן צו
וויליאם ספיוואק
WILLIAM SPIVAK
טעלעפאן 27 986

א. קרענדלס העברייאיש-אידישע קלאסן, ציטווילליק אין 655 סעלקירק עווע., נעמען אריין קינדער פון העכערע קלאסן. אויך 7-8 יאריקע קינדער — אנפאנגער.

מעק'ס טי רום

273½ דאנאלד סטריט, אנטקעגן איטאנס
טי קאפ רידינג און לייכטע צובייסנס
מרס. מעק'קרידי, גוט באקאנטע ענטערטיינער און טי קאפ רידער

אינשורענס
די עלטסטע און ראיעלסטע לעבנס, פייער און אויטאמאביל קאמפאניס.
ריל עסטייט
שנעלע, ארנטלאכע באהאנדלונג פאר קויפער און פארקויפער. מארטגעדזשעס און לאאנס אונזער ספעציאליטעט.
שיפס קארטן און געלט שיקונג
דורך "באלטיק אמעריקא ליין".
געשעפט געלעגנהייטן
דער גרעסטער אויסוואל פון גוטע געשעפטן אין שטאט און אין קאנטרי. עס וועט זיך אייך באצאלן זעען
ה. פערלמאן און נ. זעלטשען
MUTUAL AGENCIES
874 MAIN ST. PHONE 51 000

A. MUIR
אוטאריזירטער
דוקא פינישינג סטיישאן
פענדערס און באדי ריפעירס
376 FURBY ST.
PH. 33 255

:: צו פארענטן ::
FOR RENT

צו פארענטן א שיינעם דריי רום סוויט אין באלטיק אפארטמענט. מעסיקע רענט. זיך ווענדן צום קערטייקער, סוויט "די". טעלעפאן 56 668.

צו פארענטן א גרויסע ליכטיקע רום. פאסיק פאר א באי אדער מיידל, מיט אדער אן באר. נוצן דעם טעלעפאן. טעלעפאנירט 54 089, 382 עלפרעד עווענינ.

רעדוואוד אפארטמענטס

קארנער נארט מיין און קאלעדזש. גרויסע 4 רום סוויטס, פון $47.50 ביז $55. מיט עלעקטריק רעפרידזשיריישאן. טעלעפאנירט צום קערטייקער 55 175 אדער צו די רענטאל איידזשענטס

THE EMPIRE LOAN CO.
Phone 26 365

צו פארענטן א געפורנישטע רום מיט אלע באקוועמלאכקייטן אויף 328 מענגוס עווע. (נאענט צו מיין סט. אדער סעלקירק)

צו פארענטן א רום און א קיטשן, געפארנישט, עלעקטריק לייט, הייסע און קאלטע וואסער. $10 א מאנאט. זיך ווענדן אין 390 סעלקירק עווע. טעלעפאן 53 643.

צו פארענטן 2 רומס מיט א קיטשן, אלע באקוועמלאכקייטן, הייסע וואסער, מיט אדער אן באר. זיך ווענדן אין 519 מענגוס עווענינו.

צו פארענטן א 5 רום קאטעדזש. מען קאן באלד ארייננמופן. 539 קינג סטריט, קארנער פלארא. נאענט צום מארקעט. טעלעפאנירט 21 151.

צו פארענטן א גרויסן קאטעדזש פון 9 רומס, $150 פאר'ן סעזאן. זיך ווענדן צו באקס 102, וויניפעג ביטש, מאנ.

צו פארענטן 2 גרויסע ליכטיקע רומס, אין א פריוואטער היים. אלע באקוועמלאכקייטן. מעסיקע רענט. זיך ווענדן אין 367 טשארלס סטריט.

וויניפעג ביטש. צו פארענטן, אדער צו פארקויפן א 5 רום קאטעדזש, סקרינד ווערענדע אין פראנט און ביים זייט. אינגאנצן געפארנישט. אנטהאלט פייער פליים און אלע באקוועמלאכקייטן, שרייבט צו דאס אידישע ווארט באקס 9732.

לייענט און פארשפרייט די איינציקע אידישע טעגלאכע צייטונג אין מערב קאנאדע —